די עבודה שעפ"י טו"ד. וואס דערפאר איז אויך אין די המשכה וואס די עבודה טוהט אויף, איז דורך מס"נ ווערט נמשך הנהגה ניסית, וואס פועל'ט א שלימות אויך אין די הנהגה טבעית, כמבואר בהמאמר.

ג. אויף דעם וואס דער מדרש זאגט אז די מנוחה דשבת האט גע'פועל'ט די שלימות הבריאה, גיט דער מדרש א משל פון א מלך וואס האט געמאכט א טבעת, און אלץ איז שוין געווען פארטיק, עס האט נאר געפעלט א חותם, און דורך דעם חותם איז נשלם געווארן דער טבעת.

איז דער ביאור פון דעם משל איז: טבעת איז דער ענין הטבע, ווי מען האט גערעדט אין די פידושים וואס זיינען פאראן אין טבע, און חותם איז חותמו של הקב"ה אמת, דער ואמת הוי' לעולם, און נאך העכער פון הוי', כמבואר בהמאמר, איז די כוונה אז מען זאל ממשיך זיין דעם חותמו של הקב"ה אמת, אין דער טבעת, אין טבע, און דורך דעם דוקא איז די שלמות פון טבע.

דאס הייסט אז הגם די התהוות אליין איז דאך אויך געווען פון דעם אור הסובב דוקא, וכידוע אז דער עיקר ההתהוות איז פון דעם אור הסובב, אויך האט מען גערעדט אז די צורה שבנבדאים איז פון דעם אור הסובב, דאס איז אבער דער סובב ווי ער שטייט אין ממלא, די כוונה איז ממשיך זיין דעם אור הסובב כמו שהוא בעצמו, און אויך דאס - דעם סובב בעצמו - ממשיך זיין אין ממלא בגילוי.

ד. ועפי"ז יובן דער ענין פון קדושי טבעת און וואס דאס איז נרמז בקדושי יודא ותמר דוקא:

עס איז דאך ידוע אז בנשואין איז דער התגלות כח הא"ס בנבראים, בנין עדי עד בדוד ישדים יבודך, וואס דאס איז מצד דעם אור הסובב דוקא, ווארום דער אור הממלא שבהתלבשות בהנבראים איז עד בהגבלה און דער ענין פון עדי עד איז דאס מצד סובב דוקא, דערפאר איז מען מקדש בטבעת וחותם, להמשיך אור הסובב בממלא.

און דערפאר ווערט עס אויך נרמז בקדושי יודא ותמר דוקא: דער תכלית הבריאה איז דאך ימות המשיח, וואס יעמולט וועט זיין דער יחוד סובב וממלא בגילוי, וואס צוליב דעם איז די גאנצע עבודה, דערפאר ווערט דאס מרומז בקדושי יודא ותמר דוקא, וואס פון דעם איז ארויסגעקומען דוד המלך ומלך המשיח.

ה. כ"ק מו"ח אדמו"ר האט אמאל דערציילט וועגן דעם אלטן רבי'נס מאסר אז ס'איז געווען דער ויקנאו בו אחיו, דאס מיינט

זיינע חברים, די תלמידי המגיד. וואס דערפאר האט דער אלטער רבי מורא געהאט. אזוי האט דער רבי דערציילט. ולפי"ז איז דער פירוש פון ואביו שמר את הדבר – אין דעם ענין – איז אז ואביו גייט דאס אויפן מגיד. אדער אז ואביו גייט דאס אויף דעם אויבערשטן, כפירוש הב׳ שבמדרש.

אויפן פסוק ואביו שמר את הדבר זאגט דער מדרש אז שמר איז אותיות רשם, אז יעקב האט גענומען ורשם אותו יום ואותה שעה. איז דאך ניט פארשטאנדיק, צוליב וואס האט יעקב געדארפט פארשרייבן דעם טאג מיט די שעה. לכאורה האט ער געדארפט פארשרייבן נאר די מעשה, בכדי מען זאל געדיינקען, אבער נאך וואס איז נוגע דער טאג מיט די שעה?

אויך איז ניט מובן, וואס איז דער ענין פון רשם דוקא. וואס רשימה איז ניט קיין אמת׳ע כתיבה, ווי ס׳איז פאראן בענין מלאכות שבת, אז אויף רשימה דארף מען האבן א לימוד מיוחד אז ס׳איז א מלאכה, ווײַלע ס׳איז ניט קיין אמת׳ע כתיבה, איז פאר וואס האט יעקב עפעס דוקא רושם געווען, און ניט פארשריבן?

ו. מען האט שוין גערעדט כמה פעמים אז א משל פון תורה איז ניט סתם א משל בעלמא, ד.ה. אז דער משל האט קיין שייכות ניט צום נמשל, עס איז מער ניט וואס מצד א געוויסן ענין, איז דורך דעם משל קאן מען פארשטיין דעם נמשל, נאר דער פשט איז אז א משל איז אייך דאך מיטן נמשל. דער משל קומט פון דעם נמשל, עס איז דער זעלבער ענין, נאר דורך השתל׳, איז ער אראפגעקומען אין א נידעריקערן עולם.

ועל"ד דוגמא דער משל אויף מלכות למעלה וואס מען גיט פון א מלך בו"ד. איז דאך דער פשט אין דעם, אז מלכות למטה קומט פון מלכות למעלה. ווארום ווי קאן דאס טאקע זיין אז א גאנצע פאלק זאל זיין בטל צו איין מענטשן און פאלגן אים, כאטש עס איז למעלה מהשגתם, ווארום דער ביטול צו א מלך איז דאך ניט מצד השגה כידוע, איז דאס מער ניט ווײַלע למעלה איז פאראן דער ענין המלכות, ומשום זה קומט דאס אראפ אויך למטה, נאר ווי עס קומט למטה, איז דאס לפי אופן המטה.

ז. אזוי איז אויך אין דעם ענין פון מעשה אבות סימן לבנים, איז ניט דער פשט אז ס׳איז סתם א סימן בעלמא, ד.ה. אז די מעשה אבות האבן קיין שייכות ניט צו די מעשה בנים, נאר עס איז דער זעלבער ענין, נאר די מעשה האבות זיינען געווען באופן נעלה יותר, זייער קיום המצות איז געווען נאר בכללות וברוחניות,

וואס מצד דעם איז דאס נאר א סימן בלבד אויף די מעשה בנים, וואס ס'איז בגשמיות.

- ווי עס איז ידוע דער הפרש פון פאר מ"ת ביז נאך מ"ת, אז פאר מ"ת איז ניט געווען קיין פארבונד פון גשמיות מיט רוחניות, ובמילא איז דורך דעם קיום המצות פון די אבות ניט פארבליבן גארנישט אין דעם דבר הגשמי, אזוי ווי די מקלות דיעקב איז ניט געווען קיין שינוי פון די מקלות ביז אנדערע, משא"כ לאחר מ"ת, עס איז געווארן דער פארבונד פון רוחניות מיט גשמיות, איז דורכן קיום המצות, איז מען מזכך דעם דבר הגשמי גופא, וואס מען טוהט מיט אים די מצות, אז דער גשמי אליין ווערט קדוש.

און דאס איז מעשה אבות סימן לבנים. עס איז איין און דער זעלבער ענין פון מעשה בנים. מער ניט וואס ס'איז באופן נעלה ורוחני יותר, וואס ס'איז ניט פארבונדן מיט גשמי, אבער דאך, דוקא דורך די מעשה אבות. איז דאס סימן ונתינת כח צו מעשה בנים.

ח. עד"ז וועט מען פארשטיין אויך אין די מעשה אבות גופא וואס פאר מ"ת, אז בא זיי אליין זיינען געווען ענינים בכללות וואס דער נאך איז דאס געקומען בפרטיות.

דער גאנצער ענין פון מלכות יוסף, גלות מצרים, ויציאת מצרים ברכוש גדול, וואס ס'איז געווען א הכנה צו מ"ת, דער גאנצער ענין האט זיך אפגעטאן פריער בכללות, בשעת דעם חלום פון יוסף'ן, עס איז מער ניט וואס פריער איז דאס געשטאנען בדרך כלל ונקודה בלבד - מען מיינט ניט קיין נקודה אויף פרטים, נאר מען מיינט א נקודה עצמית, כידוע שבנקודה איז פאראן צוויי מדריגות. א) נקודה אויף פרטים. ב) נקודה עצמית. מיינט מען דא א נקודה עצמית - און דער נאך איז דאס געקומען בדרך פרט.

די כוונה איז דאך ניט דער כלל אליין, נאר די כוונה איז דאך אז יעדער זאך זאל ארויסקומען לידי פרט ובפועל ממש. כמ"ש רבינו הזקן, אז מורי המגיד בשעת עס וואלט אים איינפאלן א ענין בשכלו, וואלט ער דאס באלד ארויסריידן בדבור (אפילו אויב קיינער איז ניט געווען דערבאיי) בכדי ממשיך זיין דאס אין עולם. ווייל די כוונה איז עס זאל אראפקומען בפועל.

פון יוסף'ס חלום, הגם דאס איז געווען די נקודה כללית ועצמית פון דעם גאנצן ענין, פונדעסטוועגן איז דאך רעכט עס זאל פארבלייבן אין כלל און ניט נמשך ווערן נאכעהר אין פרטים

בפועל, דערפאר האט יעקב דאס רושם געווען, וואס דער מיט האט ער פארבונדן דעם כלל מיטן פרט, ד.ה. אז דערנאך זאל דאס נמשך ווערן לפרט ופועל.

וע"ד אין דעם ענין פון מעשה אבות סימן לבנים, איז בכדי אז די מעשה אבות זאל זיין א סימן ונתינת כח לבנים, האט מען געגעבן צו די אבות איין מצוה בגשמיות, וואס דאס איז מצות מילה, וואס דורך דעם איז געווארן א פארבונד פון מעשה אבות מיט מעשה בנים.

ט. ועפי"ז יובן כל דיוקים הנ"ל: דערפאר איז רשם אותו יום ואותה שעה, איז דער פשט אין דעם אז די שעה איז געווען די נקודה כללית ועצמית פון דעם גאנצן המשך הזמן וואס ס'איז געווען שפעטער, און די שעה, די נקודה, האט יעקב רושם געווען, ער האט איהר אראפגעטראגן אין עולם המעשה.

און דאס איז אויך דער ענין פון רושם און ניט כותב, ווייל דאס איז נאך ניט קיין מלאכה ממש, דער פועל ממש דערפון איז געווען ערשט שפעטער בשעת מלכות יוסף, יעקב האט נאר אויפ-געטאן, עס זאל זיין פארבונדן מיט פועל ממש. וואס דאס איז דער ענין הרושם בלבד.

און דאס איז אויך ביידע פירושים פון ואביו, וואס איין פירוש איז' אז דאס גייט אויף יעקב'ן, און דער צווייטער פירוש איז אז דאס גייט אויפן אויבערשטן, אבינו שבשמים, ווארום בכדי צו פארבינדן א נקודה עצמית שלמעלה מפרטים מיט פרטים, איז דאס נאר בכחו של הקב"ה דוקא.

י. בנוגע לענינינו איז: בכלל בא א רבי'ן איז ניט שייך קיין מליצות, ווארום אפילו שיחות חולין של ת"ח צריכים לימוד, ובפרט ניט קיין שיחות חולין נאר דברי תורה, ובפרט א תורה וואס ס'איז געזאגט געווארן בזמן הגלות בעקבתא דמשיחא, איז דאס א ודאי קיין מליצה ניט, און בשעת דער רבי האט געזאגט דעם אויסשפראך פון ויקנאו בו אחיו, הייסט דאס אז אלע ענינים וואס ס'איז געווען יעמולט, זיינען זיי געווען אויך בענין רבינו הזקן.

דער אלטער רבי האט געוואלט עס זאל זיין דער יפוצו מעינותיך חוצה, אז די מעינות תורת החסידות, וואס די מים שבהמעין איז דאך יעדער נקודה דער מעין אליין ווי מען האט גערעדט (י"ט כסלו), זאל דאס אראפקומען אויך אין חוץ. וואס דערפאר האט ער מגלה געווען תורת החסידות בשופי גדול. און



הנחה בלתי מוגה

אויף דעם איז געווען דער ויקנאו בו אחיו און דער ואביו שמר את הדבר.

דארף מען וויסן אז דער כח אויפן יפוצו מעינותיך חוצה, במשך כל זמן הגלות ביז ביאת המשיח, איז נאך פאראן דער נתינת כח אויף דעם פון ימי המגיד, וואס יעמולט איז געווען א ליכטיקע צייט. במילא האבן מיר דעם כח אויף דעם, און מען דארף דאס נאר אראפטראגן לפועל.

די מעינות זיינען דא. און דער חוצה איז דא א ודאי דא. מען דארף נאר פארבינדן די מעינות מיטן חוצה דורך דעם יפוצו, און דער כח אויף דעם איז אויך דא, און דער כח איז שוין פארבונדן געווארן מיט פועל. און מיר דארפן נאר טאן די ארבעט בפועל ממש, אויף מפרסם זיין תורת החסידות אומעטום, וואס דורך דעם יפוצו מעינותיך חוצה, וועט זיין דער קא אתי מר, במהרה בימינו.

יא. השיחה בדבר לימוד תורה אור ולקוטי תורה נרשם בפ"ע.

יב. חנוכה איז נאך אין די שבעת הימים פון י"ט כסלו. אין דעם ענין פון שמן כתית למאור, שטייט אז עס דארף זיין כתית, ומה הזית כשכותשין אותו כו׳ כך ישראל. וואס מצד דעם קומט דאך דער ענין פון דאגת וטרדת הפרנסה, ווי ס׳איז ידוע אין דעם ענין ולא לחכמים לחם. מען קאן דאס אבער אומבייטן אז דער כתית זאל זיין אין רוחניות, מען זאל הארעווען אין פנימיות התורה, און פון דעם זאל זיין דער כתית, יעמולט פארשפארט מען דעם כתית אין גשמיות, און עס ווערט נמשך פרנסה בהרחבה, און עס גייט אוועק למקום הראוי.

(כ"ק אדמו"ר שליט"א ציוה לנגן ניגון צמאה לך נפשי. וניגון רבינו הזקן, בן הד׳ בבות).